# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:10
מוצאי שבת קודש............5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................משלי י"ח
בבלי.......................זבחים פ"ג
ירושלמי......................נזיר ב'
תוספתא.......................פרה י'
רמב"ם..................סנהדרין כ"ג

פרשת וישלח, ט"ז כסליו, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 10 (728)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ, יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עז, א): "מָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כָּתוּב בּוֹ וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ, אַף יַעֲקֹב וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ", אַזוֹי וִוי בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה ב, יז) וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינְצִיג אוּן אַלֵיין, דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַלֵיין. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דָאס שַׁייכוּת אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): **מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים**, וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, זַיין לֶעבְּן אִיז אַ לֶעבְּן, עֶס גֵייט אִים אַלֶעמָאל נָאר גוּט, וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יְסוּרִים חַס וְשָׁלוֹם - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אוּן גֶעדֶענְקְט אַז 'אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר'; אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם - דֶער הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, זַיין לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיוּת, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן; דֶער וָואס לֶעבְּט אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט 'מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; מַיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע בִּלְבּוּלִים, מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַלֶעס וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט אִיז פֶּערְצוּפַאל גֶעשֶׁען', הָאט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן

דָאס דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזְרְ'ן וַוייל מֶען פַארְגֶעסְט דָאס זֵייעֶר שְׁנֶעל, מֶענְטְשְׁן בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ: 'וֶועגְן מִיר', 'וֶועגְן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל', 'וַוייל אִיךְ טוֹיג נִישְׁט', 'וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט', 'וֶועגְן מַיין טַאטֶע, מַאמֶע, מַאן, וַוייבּ, מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים', מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אַלֶעס נָאר וַוייל מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס.

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר, וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה? זָאגְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אַלְץ מֶער אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען. דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אַרוּם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר זַיין דֶעם שֵׁם ה', "בָּרוּךְ ה'", "גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אַז מֶען פְרֶעגְט דִיר "וָואס טוּט זִיךְ?" דֶערְמַאן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען: "בָּרוּךְ ה'"; "וָואס אִיז דַיין פְּלַאן, דוּ קוּמְסְט צוּ דִי שִׂמְחָה?" עֶנְטְפֶער: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף", אוּן דֶערְצֵייל פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מוֹהֲרָא"שׁ (זֹאת הַתּוֹרָה, וַיִּשְׁלַח, סִימָן ד) אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּשַׁט, 'וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ', יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיינְס דֶעם אַנְדֶערְן זַייט יַרְדֵּן זִיךְ שְׁלָאגְן מִיטְ'ן שַׂר פוּן עֵשָׂיו, וִוי אַזוֹי הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ זִיךְ גֶעקֶענְט אַלֵיינְס שְׁלָאגְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶער מַלְאָךְ? פַארֶענְטְפֶערְט אוּנְז דֶער מֶדְרָשׁ: 'וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ', יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין; אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר', קֶען קֵיינֶער אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט בֵּייקוּמֶען. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיִּשְׁלַח תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מַאךְ אַ בְּרָכָה

אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע פְלֶעגְן זִיצְן תַּלְמִידִים אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפְן דִי "יוֹשְׁבִים".

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער פוּן יוֹשְׁבִים גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אוּן עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע הוּנְגֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר פַארְלִירְט זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶר מוּז שׁוֹין גֵיין עֶפֶּעס עֶסְן, אִיז עֶר גְלַייךְ אַרַיין אִין דִי קִיךְ אוּן גֶעזוּכְט עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דָארְט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן זִיךְ וַואשְׁן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה "עַל נְטִילַת יָדַיִם", אוּן גְלַייךְ גֶעמַאכְט שְׁנֶעל דִי בְּרָכָה "הַמּוֹצִיא", אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן.

דִי רֶבִּיצִין פוּן הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע הָאט גֶעהֵייסְן מָרַת מַלְכָּה ע"ה, זִי פְלֶעגְט זִיךְ אַלְץ זָארְגְן פַאר דִי יוֹשְׁבִים אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן, אוּן זִי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין קִיךְ אוּן מִיטְגֶעהַאלְטְן וִוי דֶער אִיד וַואשְׁט זִיךְ אוּן זֶעצְט זִיךְ עֶסְן, אוּן זִי הָאט גֶעהֶערְט וִוי עֶר הָאט אַזוֹי אָפְּגֶעכַאפְּט דִי בְּרָכוֹת מִיט אַ שְׁנֶעלְקֵייט, אָן צוּ טְרַאכְטְן בִּכְלַל.

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז דוּ מִיט דַיין וַוייבּ וֶועלְן יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, דָאס וֶועט עֶנְק עֶפֶּענֶען דִי הִימְל פַאר עֶנְקֶערֶע בַּקָּשׁוֹת, זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט, וֶוער עֶס קְרֶעכְצְט בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן, אוּן דֶער וָואס דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט – בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ זַאכְן אוֹיף וָואס עֶר וֶועט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; דָאס אִיז דִי עִיקָּר עֲבוֹדָה, צוּ זוּכְן דָאס גוּטְס אוּן אוֹיף דֶעם דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.
(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ו)

# הַצְלָחָה אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

דָא הָאסְטוּ אַפָּאר וִויכְטִיגֶע פּוּנְקְטְן צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן:

- זָאג יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחֲרִית מִיט דִי טַלִית וּתְפִילִין דִי 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי', דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶועןפַאר תִּיקוּן הַבְּרִית, דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].
- זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין בְּשִׂמְחָה, אוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דִי דַאֲגוֹת אוּן דִי עַצְבוּת אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ זִיךְ רַייסְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה.
- הַאלְט אַ תְּהִילִים אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז עֶס דַארְף גֶעשֶׁעןאַ נֵס, דִי בַּאנְק אִיז לֵיידִיג, מֶען דַארְף נִיסִים– זָאלְסְטוּ זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים.
- רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר וֵוייךְ אוּן שֵׁיין; דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר עַשִׁירוּת.
- הַאלְט אַ פּוּשְׁקֶע אִין דַיין אָפִיס, אוּן וַוארְף אַרַיין כְּסֵדֶר פְּרוּטוֹת אוּן שֶׁעפְּשֶׁע תְּפִילוֹת.

הֶענְג אוֹיף דֶעם בְּרִיוו אִין דַיין אָפִיס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ו)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זַיין אַן "עָנָיו", זִיךְ הַאלְטְן קְלֵיין, אָדֶער "בִּיטוּל הַיֵּשׁ", זִיךְ אַלֵיין אַוֶועקְמַאכְן אִינְגַאנְצְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען פוּנְדְרוֹיסְן, וֶוען פַאקְטִישׁ אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס אִיז אִינֶעם הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אַלֵיין קֶען גָארְנִישְׁט טוּן.

אֵיינֶער וָואס גֵייט מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם קָאפּ, מִיט אַ גְרוֹיסְן הוֹיקֶער, בַּאגָאסְן מִיט אַ זַאק מָרָה שְׁחוֹרָה, צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁלִיסְן; קֶען אֶפְשָׁר אוֹיסְקוּקְן וִוי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו, עֶר הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עִנְיָן צוּ גֵיין אַזוֹי, אוּן אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ אִיז זִיכֶער גָאר וַוייט פוּן אֱמֶת'עֶ עֲנִיווּת.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער, וָואס הָאט זִיךְ פַארְרוּפְן אַלְס "עוֹבֵד הַשֵּׁם", וָואס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קְרִיכְן אוֹיף אַלֶע פִיר, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז גֶעקְרָאכְן אִין שׁוּל אוֹיף דִי הֶענְט אוּן אוֹיף דִי פִיס, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן אִים, דָאס אִיז דָאךְ מַמָשׁ "בִּיטוּל הַיֵּשׁ", דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט זֵייעֶר נַארִישׁ אִין שׁוּל, גֶעטוּן אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן; הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט אַז עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז מֶען זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירְן, נָאר אֵיינְמָאל שְׁטֵייט בַּיי דִי תּוֹכָחָה (דְבָרִים כ"ח, ל"ד) "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע", דָאס אִיז גָאר אַ שְׁטְרָאף אַז מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף מְשׁוּגָע.

עֶס לִיגְט נִישְׁט אִין דֶעם קַיין שׁוּם עֲבוֹדוֹת, נָאר שִׁגְעוֹנוֹת. דָאס אִיז סְתַּם נַארִישׁ זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט, אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט קַיין עֲבוֹדַת ה'.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ס"ב)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תּוֹכָחָה

יג. מֻתָּר לִדְחוֹת בִּשְׁתֵּי יָדַיִם אֶת זֶה, שֶׁלֹּא קִבֵּל מִמְּךָ תּוֹכָחָה. מֶעגְסְט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן מִיט בֵּיידֶע הֶענְט אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען דַיין מוּסָר רֵייד.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

זִי הָאט גֶעמַאכְט עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דֶעם תַּלְמִיד, אוּן זִי הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט בַּיים אַנְדֶערְן זַייט טִישׁ. דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן זֶעעֶנְדִיג וִוי דִי רֶבִּיצִין זֶעצְט זִיךְ צוּ צוּם טִישׁ, אוּן זִי רוּפְט אָן צוּ אִים, "אִיר וֵוייסְט אֶפְשָׁר וָואס דֶער עִנְיָן פוּן 'פֶּרֶק שִׁירָה' וָואס אִיז אַרַיינְגֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִידוּרִים?", זָאגְט דֶער תַּלְמִיד, "נֵיין", פְרֶעגְט זִי אִים וִוידֶער, "אִיר וֵוייסְט אֶפְשָׁר וָואס אִיז דִי שִׁירָה פוּן דִי וֵוייץ, וָואס דִי וֵוייץ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?", זָאגְט עֶר וַוייטֶער, "נֵיין".

הָאט דִי רֶבִּיצִין אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן, אִין דִי פִּרְקֵי שִׁירָה וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִידוּרִים שְׁטֵייט אַז דִי וֵוייץ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִים ק"ל, א') 'שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה'', פַארְוָואס זָאגְט דִי וֵוייץ פוּנְקְט דֶעם פָּסוּק? וַוייל אַ וֵוייצְל גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועריְקֵייטְן אִין אִיר לֶעבְּנְסְשְׁפַּאן בִּיז זִי אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל עֶס עֶסְן, אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט שׁוֹין אַיינְגֶעפְלַאנְצְט דִי וֵוייץ, אִיז דִי וֵוייצְל אִין אַ סַכָּנָה פוּן וֶוערְן פַארְשִׁימְלְט אוּן בִּכְלַל נִישְׁט אַרוֹיסְוַואקְסְן, אוּן וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין יָא גוּט אַרוֹיסְגֶעוַואקְסְן, קֶען עֶס פַארְלוֹירְן גֵיין אוֹיפְ'ן וֶועג בִּיזְ'ן דְרֶעשְׁן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאכְ'ן דְרֶעשְׁן קֶען עֶס אַוֶועקְפַאלְן בִּיזְ'ן עֶס אָפְּמָאלְן, אוּן אוֹיבּ מַאכְט זִי יָא דוּרְךְ דֶעם וֶועג בִּיז צוּם מָאלְן אוּן עֶס וֶוערְט מֶעל, קֶענֶען דִי שְׁטוֹיבְּלֶעךְ מֶעל זִיךְ צֶעפְלִיעֶן אִין דִי לוּפְט, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין אִינֶעם זַאק מֶעל צוּם בֶּעקֶער, וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דֶער בֶּעקֶער אִיז אִיד, אוּן אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַ אִידִישֶׁע בֶּעקֶער, וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ עֶר וֶועט בַּאקְן פוּן דֶעם כָּשֵׁר'עֶ בְּרוֹיט, אוּן וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דִי כָּשֵׁר'עֶ בְּרוֹיט וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וֶועט מַאכְן אוֹיף דֶעם אַן עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה?" - אוּן דִי רֶבִּיצִין עֶרְקְלֶערְט אִים וַוייטֶער - "קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן וֵוייצְל גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַארְוָואס דִי וֵוייצְל שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה'', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, וָואס זָאל מַאכְן אוֹיף מִיר אַן עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין מִיט כַּוָונָה; אוּן יֶעצְט אִיז דִי וֵוייצְל אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִיר, אוּן דוּ הָאסְט אָפְּגֶעכַאפְּט דִי בְּרָכָה אַזוֹי שְׁנֶעל, אִיז נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי נֶעבֶּעכְדִיגֶע וֵוייצְל?!"

דֶער חָסִיד הָאט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דִי מוּסָר רֵייד פוּן דִי רֶבִּיצִין, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער וֶועט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה וִוי מֶען דַארְף.

דִי בְּרָכוֹת וָואס מִיר מַאכְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן וָואס מִיר הָאבְּן נָאר אַן הֲנָאָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס אִיז מַמָשׁ וָואס הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס דֶערְמַאנְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ כְּסֵדֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ אִין יֶעדֶע רִיר פוּנֶעם לֶעבְּן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט אוּנְז דִי בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, דָאס וַואסֶער צוּם טְרִינְקֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס

<<<<<<

# דִּי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רל)

אִין דִּי צְוֵויי יָאר אִיז דֶער רֶבִּי אַרִיבֶּער וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן, צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אוֹיף אֵיין מַדְרֵיגָה, יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט מַמָּשׁ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוּן עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶועְן וָואס עֶר הָאט אַלְץ מַשִּׂיג גֶעוֶועְן.

דֶער רֶבִּי הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערוּעְט, אֲפִילוּ נִישְׁט פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע, אוֹיךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועְן גָאר שְׁוַואךְ אוּן קְרַאנְק הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעמָאל, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת, עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעהַאט אִין זִיךְ נִיטְאַמָאל אַ שְׁמֶעק פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דֶער רֶבִּי הָאט פַארְגָאסְן טַייכְן טְרֶערְן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, אוּן אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת, אַז וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶעהֶערְט הָאט גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אֲפִילוּ פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אוּן דָאס פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי טוּן כְּסֵדֶר מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְבִיעוּת, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֶעוֶוענְלִיךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, צֶעבְּרָאכְן וִוי אַ שַׁארְבּ, וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אִיז כְּסֵדֶר גֶעגַאנְגֶען אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוּן אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרוֹיף הֶעכֶער, דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן אַ יְרִידָה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶועְן זַיין יְרִידָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּכְלַל. כָאטְשׁ וָואס פַאר אַ שָׁעָה צוּרִיק, אַ טָאג צוּרִיק, הָאט דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶועְן גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, פְּלָאֵי פְּלָאוֹת, וַוייל אֲפִילוּ דִּי פָּשׁוּטֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועְן מִיט אַזַא אֱמֶת'עֶ חֵן, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזָאגְט אִיז עֶס גֶעוֶועְן מִיט אַזַא מִין תְּמִימוּת אוּן פַּשְׁטוּת, אַז מֶען הָאט טַאקֶע גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער רֶבִּי אַלְץ גֶעשְׁטִיגְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ גֵיין אִין דִּי וֶועגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, טָאג אוּן נַאכְט לָאזְט עֶר נִישְׁט מְנוּחָה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת אַז עֶר זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִּי אַלֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז פַארְכַאפְּט, עֶר זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**תשעג**

זוּנְטָאג, כ"ב תַּמּוּז, אִיז רֶבִּי נָתָן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט צוּגֶעגְרֵייט אַ דִירָה, וַוייל זַיין שְׁוֶוער, הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק רֶבִּי דָּוִד צְבִי זַ"ל, אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אוּם מָאנְטָאג, יֵ"ט אִיָּר, אוּן זַיין שְׁוִויגֶער אוּן זַיין וַוייבּ הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּרִיקְגֵיין פוּן שְׁטָאט מָאהְלוּב קַיין נֶעמִירוֹב.

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעפָארְן קַיין מָאהְלוּב צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען זַיין וַוייבּ אוּן זַיין זוּן צוּ זֵייעֶר נֵייעֶ דִירָה אִין נֶעמִירוֹב.

**תשעד**

נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה צוּם שְׁטָאט נֶעמִירוֹב.

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז יֶעצְט וֶועט עֶר זַיין נָאנְט צוּם

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# גֵיין אוֹיף סְעוּדוֹת צוּ מַיין שְׁוִויגֶער?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין שְׁוִויגֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ פַּיינִיגְן מַיין שְׁוֶוער בַּיי דִּי שַׁבָּת סְעוּדוֹת, מַיין שְׁוֶוערְ'ס בְּלוּט גִיסְט זִיךְ וִוי וַואסֶער, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶּער זֵיי בֶּעטְן מִיר יָא צוּ קוּמֶען צוּ סְעוּדוֹת, זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֵיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיבּ דַיין שְׁוִויגֶער פַּיינִיגְט דַיין שְׁוֶוער בַּיי דִּי שַׁבָּת סְעוּדוֹת, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט גֵיין עֶסְן דָארְט דִּי סְעוּדוֹת שַׁבָּת; אַזוֹי וֶועט זַיין גְרִינְגֶער פַאר אִים, וַוייל וֶוען אַן אֵיידֶעם קוּמְט, אַ פְרֶעמְדֶער קוּמְט - אִיז דָא אַבִּיסְל בּוּשָׁה וְכוּ'.

דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט כָּבוֹד צוּ דַיין שְׁוֶוער, אִים מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז וֶוערְד, וֶוען עֶר רֶעדְט זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל, נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן, נָאר קוּקְן אוֹיף אִים אוּן אִים אוֹיסְהֶערְן.

אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִּי עֶלְטֶערְן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תשפ"ו)

<<<<<< מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

מִיר הָאבְּן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת מִיט עֶרְלִיכְקֵייט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִינְזִין הָאבְּן דִּי וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט.

בַּיי מוֹהֲרָאַ"שׁ הָאט מֶען דָאס גֶעקֶענְט זֶען, וֶוען עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן, זֵיי גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן חִיזוּק אִין לֶעבְּן, פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ מָאל אִינְצְוִוישְׁן נֶעמֶען אַ גְלֶעזְל וַואסֶער אוּן מַאכְן אַ "שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ" מִיט אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע רוּאִיגְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶען וִוי מוֹהֲרָאַ"שׁ אִיז מַמְתִּיק מִיט דֶעם דִּי צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם אִיד וָואס זִיצְט דָארְט, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, אַז יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פַּאסִירְט נָאר דוּרְכְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט צוּם סוֹף זִיכֶער זַיין גוּט, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען זַיין יְשׁוּעָה.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת צַדִּיק, סִימָן כ"ז) "בַּהֲלִיכָה שֶׁהוֹלֵךְ אֵצֶל תַּלְמִיד חָכָם, בָּזֶה הוּא מְתַקֵּן פְּגַם שֶׁפָּגַם בְּבִרְכַּת הַנֶּהֱנִין", מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט צוּ אַ תַּלְמִיד חָכָם, פַארְרֶעכְט מֶען דִּי פְּגַם וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועְן אִין בִּרְכַּת הַנֶּהֱנִין; וַוייל וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד, צוּ אַ תַּלְמִיד חָכָם, בַּאקוּמְט דָארְט דִּי שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן עֶרְלִיכֶע דִּי בִּרְכוֹת הַנֶּהֱנִין, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלוֹת וָואס לִיגְן אִין זֵיי. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ מַאכְן יֶעדֶע בְּרָכָה מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָאַ"שׁ, חֵלֶק ט"ז, עֶרֶךְ בִּרְכַּת הַנֶּהֱנִין)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען הֶערְן דִי תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר פְלֶעגְט דֶעמָאלְט פָארְן כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעהֶערְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס אָפְּצוּשְׁרַייבְּן אוֹיף פַּאפִּיר, אוּן בָּרוּךְ ה' אַז דָאס אִיז מְחַיֶ' בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג דִי אַלֶע וָואס לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען עֶס, אוּן עֶס וֶועט נָאךְ וַוייטֶער מְחַיֶ' זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, בִּיז דִי בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**תשעה**

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז פַארְעֶנְדִיגְט גֶעוָוארְן דָאס דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן פָּארְכְטִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִין שְׁטָאט אוֹסְטְרָאָה. ר' יַעֲקֹב פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע סְפָרִים צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען דָארְט אָנְוֶועזְנְד, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים, "דוּ זָאלְסְט נָאךְ זַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה? דוּ בִּיסְט מְחוּיָב מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין!", דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דוּ זָאלְסְט זִיךְ לָאזְן אַרָאפְּוַוארְפְן? מִיט דֶעם קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְחַיֶ' זַיין, דָאס דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסְן חֵלֶק אִין דֶעם סֵפֶר?!", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "דֶער גַאנְצֶער סֵפֶר אִיז דַיינְ'ס; וֶוען נִישְׁט דִיר, וָואלְט דֶער סֵפֶר נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט אַז דֶער גַאנְצֶער סֵפֶר אִיז נָאר גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אִים, וַוייל רֶבִּי נָתָן הָאט אַזוֹי גֶעלֶעכְצְט צוּ הֶערְן שְׁטֶענְדִיג תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ זִיכֶער גֶעמַאכְט עֶס אַלְץ אָפְּצוּשְׁרַייבְּן, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעבְּלִיבְּן דֶער סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# נישטא וואו צו אנטלויפן

ביים טעגליכן שיעור די וואך זונטאג, מיט'ן נאמען "און שוין", האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך ארומגערעדט איבער דעם וואס מענטשן דרייען זיך ארום מיט מחשבות פון אנטלויפן, אין א צייט ווען מען קען שוין מער נישט נעמען דאס לעבן, מען גייט דורך פילע שוועריקייטן אין לעבן, און מען זוכט צו אנטלויפן 'און שוין', כאילו דאס אנטלויפן וועט עפעס העלפן צו לינדערן די שמערצן.

טייל ווילן אנטלויפן צו אן אנדערע שטאט, טייל ווילן אנטלויפן פון זיך אליין דורכ'ן זיך פאר'סמ'ן מיט שעדליכע געווירצן, און ביי טייל דרייען זיך אפילו מחשבות אין קאפ פון אינגאנצן ענדיגן דאס לעבן, רחמנא ליצלן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ערקלערט אז די אלע זאכן וועלן גארנישט העלפן, אויב איז באשערט צו ליידן וועט מען ליידן, עס איז נישטא וואו צו אנטלויפן, די איינציגסטע פלאץ וואו מען קען אנטלויפן איז נאר צום אייבערשטן, אויסדערציילן פאר'ן אייבערשטן אלעס וואס ליגט אויפ'ן הארץ, זיך אויסוויינען ביים תהלימ'ל, דערציילן פאר'ן אייבערשטן אלע פראבלעמען אזוי ווי מען וואלט זיך אויסגערעדט צו א נאנטער פריינד, אדער ווי צו א טעראפיסט, און נאר דער אייבערשטער איז דער וואס קען און וועט העלפן דעם מענטש.

אין א טעגליכע בריוו פאר אנשי שלומינו די וואך מאנטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א אויך געשריבן איבער די נושא: "ווארף אוועק די נארישע מחשבות פון חס ושלום ענדיגן דאס לעבן השם ישמרינו; ווי געפערליך עס איז דיר דא - קומט דאס נישט צו א פינטל, איין פראצענט - וואס דארט גייט פאר; נישט איך זאג דיר דאס, דער רבי זאגט דאס.

אמאל איז א איד געקומען צום רבי'ן זאגן: "איך וויל שטארבן, איך האב שוין נישט קיין כח צו די יסורים וואס גייט אריבער אויף מיר", זאגט אים דער רבי (שיחות הר"ן, סימן פד), חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ד, כב): "ואל יבטיחך יצרך", דער יצר הרע זאל דיר נישט איינרעדן, "שהשאול והקבר בית מנוס לך", אז אין קבר וועט דיר זיין בעסער; דער רבי האט אים געגעבן צו פארשטיין אז דא אויף די וועלט איז א מענטש פארנומען, יעדער איינער מיט זיינע טרדות, פרנסה וכו' וכו'; קען זיין מען זאל כאפן א ביס פון א בין אדער א פליג אן דעם וואס מען זאל דאס שפירן, ווייל מען איז אריינגעטון אין אנדערע זאכן, אבער אין קבר איז נישט דא קיין שום טרדות און מחשבות וואס זאלן אוועק נעמען דעם קאפ פון הערן ווי די ווערעם קריכן און בייסן, דארט הערט מען יעדע ריר און יעדע שטאך; מען קען זיך נישט פארשטעלן די צער אין קבר ווען מען הערט יעדע ביים פון די ווערעם און די צער פון הערן ווי זיי קריכן.

די מחשבות פון 'איך אנטלויף', 'איך לויף אוועק' וכו' וכו'; וויל איך דיר זאגן ליבער ברודער, נישטא וואו צו אנטלויפן, פונעם אייבערשטן קען מען זיך נישט באהאלטן, נאר צום אייבערשטן דארף מען לויפן, בעט דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף דיר און דיר העלפן.

דא האסטו א קליינע תפילה צו זאגן יעדן טאג: "**רבונו של עולם האב רחמנות אויף מיר, איך קען נישט מער, איך האב מער נישט קיין כח, איך בין אזוי דערביטערט פון דאס וואס גייט אויף מיר אריבער אז איך טראכט שוין מחשבות וואס איז נגד השכל, פון וועלן אנטלויפן חס ושלום, העלף מיר, געב מיר א שטארקע אמונה, געב מיר שמחה, מאך מיך פרייליך, איך זאל זיין אזוי פרייליך אז איך זאל געדענקען אז אלעס ביסטו, דומם צומח חי מדבר - אלעס אלעס איז דו, אלעס קומט פון דיר, אלעס איז נאר דו און דו ביסט אלעס"; אזוי זאלסטו בעטן טאג טעגליך, און לייג צו דיינע אייגענע תפילות.**"

דער אינהאלטסרייכער שיעור "און שוין" קען מען הערן אויפ'ן טעלעפאן ליניע פון "קול ברסלב", דרוקט 1 פאר אידיש, דערנאך 3 פאר שיעורי התחזקות, 1 פאר אלגעמיינע דרשות, 12 פאר תשפ"ו, 1 פאר'ן ווינטער זמן, און דאן 33 פאר דעם שיעור.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל משה מייזעלס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **ישראל סופר** הי"ו בני ברק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **קלמן וועבערמאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **שמואל מרדכי שטערן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **ישראל לעווין** הי"ו בני ברק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **שמואל ראטה** הי"ו צפת
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**


## באס דרייווערס

**עצות און חיזוק, הדרכות און חיזוק, פאר די טייערע באס דרייווערס וואס טראגן און ברענגן די קינדער אין חדר און אין שולע**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 2, 87**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >